● הומאר
● סאטירע

# דער קונדס

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

בײלאגע צום „נײעם פאלקסבלאט“ נומער 126 — פרײטאג, דעם 31 מאי 1935

## אבי עס רינט!...

RADA MIEJSKA



ערשטער יוד: וואס ריגט דא אזוילפיל בלוט?
צי איז דא א שעכט־הויז?
צווייטער: אך! דא איז דאך דער שטאט־ראט
— עס קומט איצט מסתמא פאר א זיצונג!...



## פּיניעלע מזיק
### גיט לישון



צאט גיהעיעגט וואס סאט זיך שוין ווידער אופּ־געטין אין שטוט־נאר? מאט זיך דעך ניקיפּט פּינקט זוי אפּן באלימער פּלאץ. די שאלעוום אבן גילײנט לאטעס אין די ווילקער זענע גישמאנע ווי די לײמינע צווילימים אין אבן גימאכט גיוואלדן. די ווילקער אבן דאך לײמינע ענט. מ'האקט אין זײ אראן, ווי אין א טראעט אראן אין זײ שראיען.

אז איעך אב דועם גיזעיען פין דער גלעריע, אב איעך צי זײ ארופּ גישריגן:

— יאלדאקעס, וואעט שטײט ען זוי אונגימאכט? צמאליעץ צריק אין די מארדים אראן! לײגץ לאטעס! שלופּץ ניש אין אונגעטיעכץ! איעך אב גישריגן! אין זײ, די פּלאקנישיסערס אך; ארגאניזאבט די עמיסע ליע.

צ'ערט יאטן? ווען איעך אב ענק דעמאלץ אין שטוט־נאר, וואלט גיוועין א בראך צי זײרע יוער. זײ וואלטן ניש אראעם גלאטיג, אײנער וואלט שטוצן פּונים ניגאט א מאזשגע, דער צווייטער וואלט גי־גאט א קאפּ ווי א באניע, דער דריטער וואלט גי־זיכט די לעבער, דעם פּערדן וואלט מע גימאכט די קילע — ס'וואלט גיוועין א בראך צי זײרע יוער!

אקלאל, ווי איעך זעי, עט ניש זאן קא אנדערע איצע, ווי דעים גאנצן שטוט־נאר אריבערצינעמען אין שמולן געסל אראן. אין זאלן די שובראקעס קי־מען אין שמולן געסל אראן זעך שלוגן. זײ וואלטן שאן ציפּים ניש אהײנגיגאנגע. זײ וואלטן שוין א חײנגיפּורן אף גומיאנקים.

יא, דועם איז די בעסטע איצע, דעים שטוט־נאר אריבערצינעמען צי אינץ, אין שמולן געסל אראן.

דעוואל אצין מיער א גיטן שאבים אין זאציג מיער גיזינט!

—————

## ס'ווערט נישט פון געשעפט
### אונטערגעהערטער געשפּרעך

אין פּײנגאלדס קאלעקטור קומט אריין א יודעל קויפן א צעטעלע צו דער ערשטער קלאס. פּײנגאלד לעגט איהם אוועק א פּעקעל לאסען ער זאל זיך אויס־קלויבען:

— איך קאן עפּעס געווינען אויף דעם לאס? — פרעגט דער יוד.

— אוודאי קאנט איהר געווינען! גאנצע 100 טויזענד זל. קאנט איהר געווינען.

— און ווען ציהט מען?

— איבערמארגען!

— איבערמארגען? ס'ווערט נישט בײ'ן געשעפט איך דארף מארגען צאהלען א וועקסעלע.

——=——

## מייז ווייב שרעקט זיך!...
### פון גראף קאלי

ווי עס פלעגט דער שבועות קומען
— שוין פון כמה, כמה יאהרען
האט מיין ווייב געהאט א מנהג
שנעלער אויף דער דאטשע פאהרען.

נישט געהאלפען קיין פראטעסטען
איינגעשפאנט איך האב די קליאטשע
— ס'איז געווען שוין א טראדיציע
שבועות פראווען אויף דער דאטשע.

אבער איצט... בימי קאוואלסקי
ס'איז דער פרילינג באלד פערשוואונדען
און מיין ווייבעל ווערט פון דאטשע
נישט בעגייסטערט, נישט דערצונדען...

עפעס האלט זי אין איין שווייגען
ווען איך הויב נאר אן צו ריידען
אז אין דארף — עס שמעקט אצינדער
און עס בליהט ווי אין גן־עדן...

ס'איז אומזיסט מיין טרחה, היי־יאהר
איז מיר עפעס נישט געראטען
אומעטום אויף אלע דאטשעס
שרעקט מיין ווייב קאוואלסקיס שטן

ווער איך דאך מסתם דערשראקען
הויב איך אן צו פראטעסטירען:
—לאזער לופט—ס'קען זיך שעדליך
אפרופען אויף דיינע נירען...

און דיינע לונגען, און דיין לעבער
וואלט מען אויך געדארפט פערלאטען
און אויך קאזע - מילך אביסעל
וואלט געוויס פאר דיר נישט שאטען...

אט אזוי איך האב גערדרשנט
דיס ווי האניג, וייך ווי פוטער
און געמאכט זיך פאר א מאנ־דל
אזא הארציגער, א גוטער...

און געשילדערט די פאעזיע
און מיט ווערטער זעהר וואילע
אויב איהר מיינט, עס האט געהאלפען
קענט איהר נישט מיין יענטע ביילע...

## אין „דזשיען מאטקי“
### היינטיגע קינדער

קינד: טאטעשי, וואס איז דאס היינט פאר א בלימעל־טאג?

פאטער: היינט, מיין קינד, איז א בלימעל־טאג פאר דער מאמע (דזשיען מאטקי).

קינד: אזוי? יעצט גלויב איך טאקע שוין, וואס דער טאטעשי זאגט שטענדיג, אז די מאמעשי גייט אין די הויזען.

פאטער: וואס עפעס נארעלע איינער?

קינד: דער טאטעשי האט דאך אריינגעלעגט א הויזען־קנעפּעל!

רעלעם.

## אויך א „קרבן“



פון די „בני קאוואלסקי“...

## בין מנחה למעריב

ערשטער יוד: ביים נעכטיגען רעגען האט איהר נעמוזט גוט נאס ווערען?

צווייטער: זעהר נאס.

— וואו זענט איהר דען געווען, בעת ס'האט גע־רעגענט?

— אין דער מקוה.

## זי איז פשיטאמנע

ווייב: גיי שנעל, בערעלע, און לאז דיך אטעקי־רירען.

מאן: ווי פאלסטו עפעס אויס?

ווייב: עס זענען דא געווען בעלי־חובות, האבען זיי געזאגט, אז זיי ווילען דיך פאקען וועלען זיי דיך ממית־זיין.

רעלעם.

## א טייערער שעף

— האט דיך דיין שעף ליב?

— א שאלה! אז ב'קום איין מינוט שפעטער, איז סכנות נפשות.

## א גלייכער שידוך

מחותן (צום שדכן): אפשר האט איהר עפעס א שידוך פאר מיין טאכטער?

שדכן: איז אייער טאכטער א געראטענע?

מחותן: זי איז א לאמע.

שדכן: אויב אזוי, האב איך פאר אייך א גלייכען שידוך; דער חתן האט א הויקער.

רעלעם.

## ענטשולדיגונג

בערל גלייבינער, וועלכען איך האב ביים מאט־נען פון מיר א חוב אויסגעהאקט אלע ציין, בעט איך איהם ענטשולדיגונג, און פערזיכער איהם, אז דאס, וואס האט פאסירט וועט שוין מעהר נישט פאסירען.

שלמה קלאפּער

